Region Stockholm

**די רעגיאָנאַלע וואַלן 2026**

*דעם 13טן סעפּטעמבער 2026 קומען פֿאָר די וואַלן צום רעגיאָנאַלן פּאַרלאַמענט. ווען דו שטימסט באַטייליקסטו זיך אינעם באַשטימען וועלכע פּאָליטיקערס וואָס וועלן אָנפֿירן רעגיאָן שטאָקהאָלם אין משך פֿון די קומעדיקע פֿיר יאָרן.*

**וועגן וואָס האַנדלט זיך די רעגיאָנאַלע וואַלן?**

די רעגיאָנאַלע וואַלן האַנדלט זיך וועגן ענינים וואָס ווירקן אויף דײַן טאָג־טעגלעכן לעבן. רעגיאָן שטאָקהאָלם טראָגט דאָס אַחריות פֿאַרן געזונט־אָפּהיט, דעם עפֿנטלעכן טראַנספּאָרט, דער רעגיאָנאַלער אַנטוויקלונג און דעם בײַשטײַערן דאָס קולטור־לעבן אינעם קרײַז.

**ווי קען דײַן שטימע ווירקן אויפֿן קרײַז?**

ווען דו שטימסט נעמסטו אָנטייל אינעם באַשטימען וועלכע פּאָליטיקערס וואָס וועלן אָנפֿירן מיט רעגיאָן שטאָקהאָלם. די פּאָליטיקערס אינעם רעגיאָנאַלן פּאַרלאַמענט באַשליסן למשל וועגן:

- ווי מע ניצט דאָס געלט פֿון רעגיאָן שטאָקהאָלם
- ווי הויך די רעגיאָנאַלע שטײַערן זאָלן זײַן
- ווי מע זאָל אַנטוויקלען דעם געזונט־אָפּהיט און דעם עפֿנטלעכן טראַנספּאָרט
- וועלכע פּאָליטיקערס וואָס וועלן זיצן אין די פֿאַרשיידענע אַמטן אָדער אַדמיניסטראַציעס.

**ווער מעגט יאָ שטימען?**

דו האָסט דאָס רעכט צו שטימען ווען דו:

- ביסט 18 יאָר אָדער עלטער אויפֿן וואַלטאָג,
- ביסט אַ שוועדישער בירגער און האָסט אַ רעגיסטרירטן אַדרעס אין דעם שטאָקהאָלמער קרײַז, אָדער
- ביסט אַ בירגער אין אַ לאַנד פֿונעם אײ״פֿ, אין איסלאַנד אָדער אין נאָרוועגיע און האָסט אַ רעגיסטרירטן אַדרעס אינעם שטאָקהאָלמער קרײַז, אָדער
- ביסט אַ בירגער אין אַן אַנדער לאַנד, אָדער אָן קיין בירגערשאַפֿט, און האָסט געוווינט אין שוועדן אין משך פֿון דרײַ יאָר אָדער מער אויפֿן וואַלטאָג, און האָסט אַ רעגיסטרירטן אַדרעס אינעם שטאָקהאָלמער קרײַז.

די כּללים גילטן סײַ פֿאַר דיר וואָס וווינט אין שוועדן, און סײַ פֿאַר דיר וואָס וווינט אין אויסלאַנד, מיטן תּנאַי אַז דו נאָך אַלץ האָסט אַ רעגיסטרירטן אַדרעס אין שוועדן.

**ווי קומען די וואַלן פֿאָר?**

מע קען שטימען אין פֿאָרויס פֿונעם 26טן אויגוסט ביזן וואַלטאָג.

די וואַלן צום רעגיאָנאַלן פּאַרלאַמענט וועט פֿאָרקומען דעם 13טן סעפּטעמבער, אין איין צײַט מיט די וואַלן צום שוועדישן פּאַרלאַמענט און דעם קאָמונאַלן פּאַרלאַמענט.

ווען דאָס שטימען האָט זיך פֿאַרענדיקט, הייבט מען אָן איבערציילן די שטימען. קודם, ציילט מען איבער די שטימען צום שוועדישן פּאַרלאַמענט, שנית, די שטימען צום קאָמונאַלן פּאַרלאַמענט און לעצטנס, די שטימען צום רעגיאָנאַלן פּאַרלאַמענט. מע פּובליקירט אַ פּרעלימינאַרן רעזולטאַט אין משך פֿונעם וואַלטאָג אויפֿן וועבזײַטל פֿון דער וואַל־אַדמיניסטראַציע, val.se

די קרײַז־פֿאַרוואַלטונג ציילט איבער די שטימען, שטעלט פֿעסט דעם רעזולטאַט און צעטיילט די מאַנדאַטן אינעם רעגיאָנאַלן פּאַרלאַמענט.

פֿאַר ווײַטערדיקע אינפֿאָרמאַציע וועגן די וואַלן, זע דאָס וועבזײַטל פֿון דער וואַל־אַדמיניסטראַציע